בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת נֹחַ

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ דִי בְּרָכָה פוּן הַמַּפִּיל?..............................א

טָאר מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַואסֶער אִין פָּארְנְט פוּן מֶענְטְשְׁן?.....................ב

דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אַז אַ נִפְטָר נֶעמְט אַרוּם אִין חָלוֹם?......................ג

מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַ גֶט, אָדֶער אַז מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען?...........................ד

וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מוֹחֵל דֶעם וָואס הָאט מִיר אַזוֹי אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן?.....................ו

פַארְוָואס אִיז מַיין מַאן נִישְׁט אַזַא עוֹבֵד הַשֵּׁם וִוי מַיין טַאטֶע אוּן שְׁוֶוער?............ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַז דֶער מַאן וִויל בְּרֶסְלֶב, דַארְף מֶען אִים רוֹדְפ'ן?..............................א

דִי לֶעבֶּעדִיגֶע שְׁפְּרִינְגֶעדִיגֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס.......................................ג

לוֹיבּ אוֹיס דִי נַייעֶ מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער............................ד

בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג...........................................ה

אַז מֶען רֶעדְט אַייךְ אַ שִׁידוּךְ, זָאגְט וָואס אִיז אַייעֶר וִוילְן.............................ו

קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס זָאלְן דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן.................................ז

דוּ בִּיסְט שוֹין אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן............................................ח

נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק פוּן דִי חַבוּרָה.............................ח

אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ פַארְמַאכְטֶער מַאן..........................................'

צָאלְן שְׁטֵייעֶר אִין צַייט, אַז מֶען זָאל נִישְׁט צוּנֶעמֶען דִי הוֹיז...........................יא

וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַ סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן?.........................יא

דַאוֶונֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין צַייט..........................................יב

זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אָן פַארְשְׁטֵיין, אָן קַיין טַעַם, אָן קַיין גֶעפִילְן..................יג

דַאוֶונֶען צַייטְלִיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר.............................................יד

וֶוען מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי גֶעטְשְׁקֶע, דְרֵייט זִיךְ אַלֶעס צוּם גוּטְן.................טו

מְלַמְדִים דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית........................טז

מֶען פַארְלַאנְגְט דֶרֶךְ אֶרֶץ וַוייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער......................טז

יֶעדֶער וָואס וֶוערְט מְקוּרָב, גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן.................................יז

גֶעבּ מִיר בִּינָה יְתֵירָה אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן.......................יח

גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי חֲלוּקָה אִין בֵּית הַתַּבְשִׁיל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.......................יט

דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין..........................................כ

אַז מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע מָאוּוִיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס..................כ

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מְלַמְדִים...............................................כא

יֶעדְן טָאג קֶען מֶען קוּמֶען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין........................................כא

מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ בֶּעזֶעם אוּן אוֹיסְקֶערְן דִי טוּנְקֶלְקֵייט........................כב

פַאר דַיין גֶעזוּנְט לוֹינְט נִישְׁט זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע..............................כג

אַרוֹיס פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, בְּלַייבּ רֵיין אוּן הֵיילִיג.....................................כד

דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן.......................................................כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ דִי בְּרָכָה פוּן הַמַּפִּיל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו אוּן גִּלְיוֹנוֹת וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַזֵּק. וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, אַנְטְלוֹיף אִיךְ צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל כֹּחַ.

אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַאוֶוענֶען אַסַאךְ, זָאגְן תְּהִלִים, אוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל זַאכְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען מֶען זָאגְט דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה שֶׁל הָאֲרִיזַ"ל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם סִידוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס מֶען זָאגְט דָארְט אוֹיךְ דִי בְּרָכָה פוּן הַמַּפִּיל - אוֹיבּ מֶען מֶעג נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט בִּיז מֶען שְׁלָאפְט אַיין, אָדֶער טָאר מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט רֶעדְן נָאךְ הַמַּפִּיל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז אַזוֹי גוּט וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן**

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוּנְז וָואס צוּ טוּן בְּעֵת צָרָה, מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, נָאר זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן מִיט אִים אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, עֶס אִיז אַזוֹי גוּט וֶוען מֶען הָאט אַ צַדִּיק, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מֶען מֶעג שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע אוּן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל; אַדְרַבָּה, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אַיינְצוּשְׁלָאפְן, רֶעדְנְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז מֶען שְׁלָאפְט אַיין אִינְמִיטְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - אִיז דָאס אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁלָאף, אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף.

נָאךְ הָאט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן גֶעזָאגְט, אַז מֶען שְׁלָאפְט אַיין אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט מֶען נִישְׁט "אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן", נָאר "אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִינְמִיטְן בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## טָאר מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַואסֶער אִין פָארְנְט פוּן מֶענְטְשְׁן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת: "אֵין שׁוֹתִין מַיִם בִּפְנֵי רַבִּים", מֶען טְרוּנְקְט נִישְׁט קַיין וַואסֶער פַאר אַ רַבִּים; מֵיינְט דָאס פָּשׁוּט אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַואסֶער אִין פָארְנְט פוּן מֶענְטְשְׁן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֲכִילָה, סִימָן ט): **״אֵין שׁוֹתִין מַיִם בִּפְנֵי רַבִּים״, דֶער מְקוֹר אִיז פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן** (בְּכוֹרוֹת מד:): **״אֵין שׁוֹתִין מַיִם בִּפְנֵי רַבִּים״, מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַואסֶער פַאר מֶענְטְשְׁן, רַשִׁ״י זָאגְט** (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְאֵין שׁוֹתִין): **״דֶּרֶךְ תַּלְמִיד חָכָם לִהְיוֹת צָנוּעַ בַּאֲכִילָה וּבִשְׁתִיָּה״, דִי וֶועג פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אֵיידְל, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין אִין גַאס עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, מֶען דַארְף עֶסְן אֵיידְל אוּן טְרִינְקֶען אֵיידְל.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

## דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אַז אַ נִפְטָר נֶעמְט אַרוּם אִין חָלוֹם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ וִויל זֵייעֶר אִיךְ זָאל פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אַ חָלוֹם וִוי אוּנְזֶער זֵיידֶע וָואס אִיז שׁוֹין נִפְטָר גֶעוֶוארְן נֶעמְט אִיר אַרוּם, אוּן זִי וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס מֵיינְט עֶפֶּעס, צִי זִי דַארְף זַיין דֶערְשְׁרָאקְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט זָארְגְן, זִי זָאל גֶעבְּן צְדָקָה לְעִלּוּי נִשְׁמַת**

דֶעם זֵיידְן. אוֹיבְּן אִין הִימְל וַוארְטְן דִי נְשָׁמוֹת זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל טוּן עֶפֶּעס גוּטְס פַאר זֵייעֶר נְשָׁמָה, אוּן אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין פּוּשְׁקֶע לְעִלּוּי נִשְׁמַת אַ זֵיידֶע אָדֶער בַּאבֶּע - וֶוערְט זֵיי זֵייעֶר גוּט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט דִי פְּרוּטוֹת צְדָקָה פַארְן צַדִּיק אֱמֶת, פַארְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וְכַדוֹמֶה - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן פַאר דִי נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַ גֶט, אָדֶער אַז מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן מַיין וַוייבּ פַאר אַ יָאר צַייט, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ הַאלְבּ יָאר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער. זִי הָאט לֵיידֶער אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט, זִי וואוֹינְט מִיט הֶפְקֵרוּת אוּן דְרֵייט זִיךְ אִין שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי פְּרָאצֶעדוּר פַאר אַ גֶט, אָבֶּער זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דַוְקָא צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי פְּרָאצֶעדוּר, פַאר אִיר אִיז גוּט אַזוֹי אוֹיךְ, עֶס גֵייט אִיר גָארְנִישְׁט אָן, אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן שׁוֹין פַאר אַ גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ קֶען נִישְׁט זוּכְן אַ פְרִישֶׁע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין גֶענְצְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם מַצָּב.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין דָא וַוייטֶער, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק פַארְאֵיינִיגְן טְרָאץ דִי אַלֶע זַאכְן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ מִתְפַּלֵל זַיין אַז מֶען זָאל קֶענֶען פַארְעֶנְדִיגְן דֶעם גֶט אוּן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דַיין בְּרִיוו אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ מַאכְסְט**

מִיט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מִיט דִיר, אוּן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן דָאס אַלֵיין - ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מִיט מִיר, עֶס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה מִיט דִי גֶט; פוּן אֵיין זַייט בֶּעט אִיךְ דִיר אַז זִי זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ נֶעמֶען אַ גֶט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען נָאכְמַאל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט אִיךְ, 'אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן, אֶפְשָׁר אִיז מֶעגְלִיךְ זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר', אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעמִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר, שִׁיק מִיר אַ יְשׁוּעָה, צִי אַזוֹי צִי אַזוֹי - הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ וָואס מֶען מַאכְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע מוּט - קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לָא בָּעִינָא הָכָא בֵּי דִינָא דְיִדוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ ווִיל זַיין אַלֵיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענִיגְן, "אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לֹא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל וֶוערְן אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת.

מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה – וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מוֹחֵל דֶעם וָואס הָאט מִיר אַזוֹי אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אָן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן מַיין גָלוּת, אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיךְ לֶעב נִישְׁט פַאר אַנְדֶערֶע, אִיךְ בִּין נִישְׁט תָּלוּי אִין קֵיינֶעם נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּרוֹגֶז זַיין אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט מִיר עֶפֶּעס גֶעטוּן, ווייל אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעמַאכְט; ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אֵיינֶער אַ חַבֵר אַ בָּחוּר אִין כִּתָּה ט' וָואס הָאט זֵייעֶר חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן מַיין עֶרְלִיכְקֵייט אוּן פוּן מַיין לֶערְנֶען אִין פָּארְנְט פוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אוּן אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט מִיךְ אַזוֹיפִיל אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע יָאר, עֶר פְלֶעגְט מִיר זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מִיר, אוּן אַז עֶכְט בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם אַז אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז סֵיי ווִי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ ווייס שׁוֹין הַיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ יָא לִיבּ, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער אִים מוֹחֵל זַיין? עֶר הָאט מִיךְ בֶּאֱמֶת דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, מֶען מַאכְט שָׁאדְן אַ צְוֵוייטְן - דַארְף יֶענֶער אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן עֶס וועט גָארְנִישְׁט נוּצְן בִּיז עֶר וֶועט בֶּעטְן מְחִילָה אוּן מֶען וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין; דָאס וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען אִיז מְחַזֵּק 'מֶען **זָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוּן אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן, וַוייל אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעמַאכְט'** - רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט וֵויי גֶעטוּן, יֶענֶער מוּז אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן אוֹי וַאֲבוֹי, אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען רוֹדְפְ'ט אַ צְוֵוייטְן, מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, מֶען טוּט יֶענֶעם שָׁאדְן, מֶען טוּט יֶענֶעם וֵויי, אוּן אוֹיבּ מֶען בֶּעט נִישְׁט קַיין מְחִילָה - "לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ", וִויפִיל מֶען לַיידְט נָאכְדֶעם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ...

מֶען רֶעדְט פוּנֶעם נִרְדָּף, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט אִים; מֶען זָאל אַרַיינְנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה, וִויסְן, גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן אַז 'קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוּן נִישְׁט פְּרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַיין מַעֲשֶׂה דֶערְמַאנְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא) דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס מֶען הָאט פַארְבִּיטְן, וִוי דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט אַלֶעמֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט מִיט אִים גֶעטוּן, אַז מֶען הָאט אִים אוּמְזִיסְט פַארְבִּיטְן, אוּן אוּמְזִיסְט פַארְטְרִיבְּן, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶענִיצְט פַאר אַ תֵּירוּץ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט: "הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן פוּן זַיין מְדִינָה אוּמְזִיסְט, וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גִיקוּקְט פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן, בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ קוּמְט מִיר בְּוַודַּאי נִישְׁט דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט דָאס

אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ (דְהַיינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער) אוּמְזִיסְט. וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן און מַחְמַת דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק, און אִיז גִיגַאנְגֶען טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, און עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט זִיךְ פַּארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן. עֶר זָאל שִׁיכּוֹרְן און זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט. וַוייל עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן אוּמְזִיסְט.

דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי: "דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אִין דֶער דֵיעָה. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קָאן יוֹא אַזוֹינְס טָאן אַז מֶע זָאל פַּארְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ. און סֶע זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּער גֵיין קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יוֹא אַזוֹי צוּ פִירְן. אִיז זֶע רֶעכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. און עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן גְרוֹיס צַעַר צוּ הָאבְּן און זֵייעֶר חַרָטָה צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים רָעִים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן".

וּבְכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט טוּן וָואס דֶער אֱמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעטוּן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין, און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, זָאלְסְט וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוּנְז אִין זַיין צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ט): "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, און זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, און אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַּארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַּארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, און דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן און צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַּארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ"; בִּיז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט אַזַא

שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ לֶעבְּן וָואס צַדִיקִים לֶעבְּן אִין גַּן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז מַיין מַאן נִישְׁט אַזַא עוֹבֵד הַשֵּׁם וְוִי מַיין טַאטֶע אוּן שְׁוֶוער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פוּן דִי חִיזוּק יוֹמִי, עֶס גֶעבְּט אוּנְז אַסַאךְ כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַסַאךְ חַיוּת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אִין שָׁלוֹם בַּיִת מִיט וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זֵייעֶר אַ וואוּילֶער מַאן, עֶר שֶׁעצְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶר אִיז מַמָּשׁ גְרֵייט זִיךְ פָּשׁוּט מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַאר מִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶועט אִים אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט אִים אִיז נָאר מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מִיר זֶענֶען חֲסִידִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ נָאךְ פוּן פַאר דִי חֲתוּנָה, מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אַלְס תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ נִישְׁט אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן וְוִי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, עֶר אִיז אִין כּוֹלֵל קוֹים צְוֵויי שָׁעָה אַ טָאג אוּן אוֹיךְ דֶעמָאלְט וֶועט עֶר צוּמָאל זַיין פַארְנוּמֶען צוּ מְסַדֵר זַיין זַאכְן, בַּאצָאלְן חֶשְׁבּוֹנוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן. עֶר שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף אִין צַייט, גֵייט נִישְׁט אִין צַייט, אוּן כִּמְעַט וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט וְוִי אַזוֹי אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף.

מַיין מַאן הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָאלְדֶענֶע מִידוֹת, עֶר אִיז זֵייעֶר אֵיידֶל אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, בֶּאֱמֶת אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אָבֶּער נָאכְאַלְץ אַז עֶר דִינְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ צִיטֶער

דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֶען אִינְדֶערְהֵיים וֶוען זֵיי וֶועלְן אוּנְטֶערְוַואקְסְן, אִיךְ ווִיל זֵיי זָאלְן זֶען אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, אַן אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אַ פְּלַאקֶער פוּן קְדוּשָּׁה פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל מָאל פַּארְנַאכְטְס וֶוען אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין הִילְף, וֶועט עֶר זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן מִיט עֶרְפָּאוּנְס צוּ הֶערְן נִיגוּנִים אָדֶער שִׁיעוּרִים.

דִי אֵיינְצֶעלְנֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אִים מְעוֹרֵר צוּ זַיין אָדֶער בֶּעטְן וֶועגְן דֶעם, אִיז עֶר מַמָּשׁ גֶעוָוארְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ ווִיל, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט מִיט וֵוייטָאג אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶענוּג גוּט פַאר מִיר אָדֶער אוֹיבּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט גֶענוּג. רוֹב מָאל דֶערְוַואג אִיךְ זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אִים צוּ בַּאמֶערְקְן אוֹיף דִי זַאכְן; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל גֵיין צַייטְלִיךְ צוּם דַאוֶוענֶען, אָדֶער אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס לֶערְנֶען, אִין דִי צַייט וָואס עֶר הֶעלְפְט מִיר טַאקֶע אַזוֹי סַאךְ, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר?

וֶוען עֶר לֶערְנְט יָא, אָדֶער וֶוען עֶר אִיז אִין כּוֹלֵל, וַוייז אִיךְ אִים אַרוֹיס אַסַאךְ שֶׁעצוּנְג אוֹיף דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּן אִינֶעווֵיינִיג אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין "עוֹבֵד הַשֵּׁם". סַיי מַיין טַאטֶע אוּן אוֹיךְ מַיין שְׁוֶוער זֶענֶען בֵּיידֶע אֱמֶתְ'עֶ תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, אוּן יֶעדֶעס מָאל מִיר גֵייעֶן צוּ זֵיי אוֹיף שַׁבָּתִים זֶע אִיךְ זֵייעֶר דְבֵיקוּת אוּן זֵייעֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אִיךְ עֶס זִיךְ נָאר מֶער אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט פַארְוָואס מַיין מַאן אִיז נִישְׁט אַזוֹי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְּרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין מַיין מַאנְ'ס מַשְׁגִּיחַ, אִיךְ ווִיל אָבֶּער יָא אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען אִינְדֶערְהֵיים אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ בֶּן תּוֹרָה, פוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ לֵייגְן אוֹיפְן וָואגְשָׁאל דֶעם מַאן מִיטְן טַאטְן, וַוייל אַייעֶר מַאן דַארְף נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אַייעֶר טַאטֶע, אוּן אַייעֶר טַאטֶע קֶען נִישְׁט מַאכְן דִי נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אַייעֶר

מַאן מַאכְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן וָואס גֶעבְּט אַ נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ קֶען נִישְׁט טוּן.

אַסַאךְ מָאל קֶען דֶער מַאן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי וַוייבּ שֶׁעצְט אִים נִישְׁט אוּן הַאלְט נִישְׁט פוּן אִים; אֲפִילוּ אָן רֶעדְן אוּן אָן זָאגְן - שְׁפִּירְט מֶען אִין הַארְץ אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעקוּקְט, אוּן דָאס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מַאן מַצְלִיחַ זַיין.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא טֵייעֶרְער מַאן, לֵיינְט אִיבֶּער אַייעֶר בְּרִיוו: 'אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זֵייעֶר אַ וואוּילֶער מַאן, עֶר שֶׁעצְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶר אִיז מַמָּשׁ גְרֵייט זִיךְ פָּשׁוּט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר מִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶועט אִים אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער', וִויפִיל פְּרוּיעֶן וָואלְטְן גֶעוָואלְט קֶענֶען זָאגְן 'מַיין מַאן הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָאלְדֶענֶע מִידוֹת, עֶר אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶר הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, בֶּאֱמֶת אַ טֵייעֶרְער אִינְגֶערְמַאן', וִויפִיל פְרוֹיעֶן וָואלְטְן זִיךְ גֶעוִוינְטְשְׁן פַאר אַ מַאן וָואס הֶעלְפְּט אוּן אִיז וואוּיל...

אַז אִיר זָארְגְט 'וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער?' אִיר ווִילְט קִינְדֶער צַדִיקִים, דָאס הָאט מִיט אַייךְ, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן פוּן פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁטִיבֶּער וואוּ דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, אוּן נָאר בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכְקֵייט פוּן דִי מַאמֶע, פוּן דִי תְּפִילוֹת אִירֶע, אוּן פוּן דִי צְנִיעוּת אִירֶע - הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אַז אִיר וֶועט הַאלְטְן טֵייעֶר אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט זוּכְן גוּטֶע זַאכְן אִין אִים, אוּן נָאר זֶען דָאס גוּטְס - וֶועט אִיר אִים אַזוֹי אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶנְק וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַז דֶער מַאן וִויל בְּרֶסְלֶב, דַארְף מֶען אִים רוֹדְפְ'ן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, וֶועגְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אִיךְ קֶען אַייךְ אֵיין זַאךְ זָאגְן, אַייעֶר שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נָאר מֶערֶערֶע מָאל, עֶר הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, עֶר הָאט מִיט מִיר גֶערֶעדְט מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט, עֶר הָאט מִיר קְלָאר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין לִיגְנֶער, אִיךְ גֵיי נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס שְׁמֶעקְט מִיר אוּן אַז אִיךְ וִויל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אַז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט מִיר לַאנְגֶע שָׁעוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "מַיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן וָואס מַיינֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס הָאבְּן גֶעטוּן, זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעלָאפְן צוּ צַדִּיקִים, זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ צוּ צַדִּיקִים, גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט וואוּ עֶס אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וּבְכֵן, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וֶוער עֶס טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ אוּן פוּן וֶועם אִיר הָאט אַזוֹי מוֹרָא.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם מִיט גָאלְדֶענֶע מִידּוֹת, אוּן אַז עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - קוּמְט אִים נִישְׁט

דֶעם טוֹיט, אוּן אַז עֶר וִויל אַרַיינְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּינְ'ס חֵדֶר, אִין רֶבִּינְ'ס בֵּית פֵּיגָא - מֶעג עֶר דָאס טוּן. עֶר דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן, אַדְרַבָּה, זָאל מֶען גֵיין צוּ וָואס פַאר אַ דַיָין אוּן וָואס פַאר אַ רָב מֶען וִויל נָאר (וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע נְגִיעוֹת), אוּן פְרֶעגְן 'וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ מֶען וִויל גֵיין דַאוֶוענֶען אִין בְּרֶסְלֶב, מֶען זֶעט וִוי מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען בַּאקוּמְט חִיזוּק אוֹיף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן זֵיי הָאבְּן צַעַר, וָואס דַארְף מֶען טוּן?' וֶועט אַ יֶעדֶער דַיָין אוּן מוֹרֶה הוֹרָאָה פַּסְקְ'עֶנֶען וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, מֶען מֶעג גֵיין, אוּן מֶען דַארְף גֵיין.

מָרַת ... תְּחְיֶ', וָואלְט אִיר גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ צָרוֹת עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וִוי וַוייבְּלֶעך לֶעבְּן אַ גֶעצְוְוינְגֶענֶע לֶעבְּן, נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין לֶעבֶּעדִיגֶע יְתוֹמִים, וַוייבֶּער לַיידְן פוּן מֶענֶער וָואס טוּעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט עֲבֵירוֹת, וַוייבֶּער לַיידְן פוּן מֶענֶער וָואס שְׁרֵייעֶן, שְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, וַוייבֶּער לַיידְן פוּן מֶענֶער וָואס פִירְן זִיךְ פְּרָאסְט וִוי בְּהֵמוֹת וְכוּ', זֵיי הַאלְטְן זֵייעֶרֶע שְׁטוּבּ נָאר צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער, אוּן אַז אַייעֶר מַאן וָואס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ שְׁטִיק אֵיידְלְקֵייט, וִויל אַבִּיסְל קִרְבַת אֱלֹקִים, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אִין בְּרֶסְלֶב - רוֹדְפְ'ט מֶען אִים? מֶען אִיז אִים מְבַזֶּה?!

זָאלְט אִיר זַיין אַן אֵשֶׁת חַיִל, מִיט גֵיין מִיט אִים אוּן אִים גוּט מַאכְן, אוּן אַז עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן - נֶעמְט מֶען עֶס אָן בְּאַהֲבָה, אוּן אַז עֶלְטֶערְן סְטְרַאשֶׁעֶן וְכוּ' וְכוּ' - וַוארְט מֶען מִיט סַבְלָנוּת, עַד יַעֲבוֹר זַעַם, בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם אֱמֶת, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן וֵויינֶען צוּ דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, זִיךְ בֶּעטְן: "גֵייט אוֹיךְ קַיין בְּרֶסְלֶב, נֶעמְט חִיזוּק פוּן דִי נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה".

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן חָכְמָה אוּן בִּינָה יְתֵירָה וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן דִי אִיבֶּערְגֵייאַכְטְס וָואס גֵייט אַזוֹי שְׁנֶעל אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמד, ד): "כְּצֵל עוֹבֵר", דִי לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער וִוי אַ שָׁאטְן, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל

כּוֹתֶל", הַלְוַאי וָואלְט דִי לֶעבְּן גֶעוֶוען אַזוֹי לַאנְג כָאטְשִׁיג וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, "אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן", אָדֶער אַזוֹי לַאנְג וִוי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ בוֹים, נֵיין, "אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", דִי לֶעבְּן גֵייט פַארְבֵּיי אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

בְּנוֹגֵעַ דִי בְּרִיוּו וְכוּ׳; עֶס וֶועט נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן, עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס; אֵיין זַאךְ וֶועט בֶּעסֶער מַאכְן, וִוי שְׁטֶערְקֶער עֶנְקֶער קֶשֶׁר וֶועט וֶוערְן - וֶועט עֶנְק קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי לֶעבֶּעדִיגֶע שְׁפְּרִינְגֶעדִיגֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב׳, י״ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִי תַּלְמִידִים. דִי לֶעבֶּעדִיגֶע שְׁפְּרִינְגֶעדִיגֶע זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע וְכוּ׳, דִי בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְמַאכְט אוּן פַארְשְׁלָאסְן וְכוּ׳ - דָאס מֵיינְט נִישְׁט זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ; דִי וָואס קֶענֶען עֶפֶענֶען אַ מוֹיל, דִי תַּלְמִידִים וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן וְכוּ׳, שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳ - דִי זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע, אוּן מִיט סַבְלָנוּת אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

אַ מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְט מִיר עֶר הָאט אַ קִינְד וָואס שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי יָאר עֶפְנְט עֶר נִישְׁט זַיין מוֹיל, דִי וָואךְ הָאט עֶר אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַארְן זִיךְ מִתְחַצֵּף זַיין. עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טַאטֶע, זָאגְט דֶער טַאטֶע: "עֶס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אוֹיף דֶעם אַ לַאנְגֶע צַייט, אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן זַיין גֶעזוּנְט, זִיךְ קֶענֶען אָנְרוּפְן בָּרַבִּים, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, וַוייל כָּל זְמַן מַיין קִינְד עֶפְנְט נִישְׁט דִי מוֹיל פוּן פַּחַד אִיז דָאס נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ", (דֶער טַאטֶע אַלֵיין אִיז אַ מְלַמֵּד); זַיין אַ פַארְמַאכְטֶע קִינְד, נִישְׁט קֶענֶען

עֶפֶּעֶנְען דִי מוֹיל - דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זַיין אַ קִינְד וָואס קֶען עֶפֶּעֶנְען אַ מוֹיל אוּן מֶען לֶערְנְט אִים וִוי אַזוֹי אוּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערֶע אוּן צוּ מְלַמְדִים - דָאס אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ.

רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן אֱמוּנָה, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן כִּיבּוּד הוֹרִים, אוּן פוּן מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן אַסַאךְ פוּן דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וֶוער נִישְׁט מִיד, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט דִיר אוֹיס וִוי דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט אוֹיף, זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ טוּסְט יָא אוֹיף, אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לוֹיבּ אוֹיס דִי נֵייעֶ מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הוֹיבְּט הַיינְט אָן דִי נֵייעֶ כִּיתּוֹת אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע צוּ שִׁיקְן דַיין קִינְד מִיט אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן; זַיי נִישְׁט פוֹיל, אוּן גָארְנִישְׁט זָאל דִיר זַיין חָשׁוּבְ'עֶר וִוי דַיין זוּנְ'ס לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל לְעוֹלָם וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן (דְּבָרִים יא, יט): "וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם", נָאר מֶען קֶען מַאכְן אַ שָׁלִיחַ, דֶער מְלַמֵּד זָאל לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה, אָבֶּער אַ שָׁלִיחַ דַארְף מֶען מַאכְן, מֶען דַארְף זִיךְ וִויסְנְדִיג מַאכְן, זָאלְסְטוּ אִים קוֹיפְן דִי סְפָרִים וָואס עֶר דַארְף, אַ סִידוּר וְכוּ'.

לוֹיבּ אוֹיס דִי נֵייעֶ מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַז דַיין קִינְד וֶועט הַיינְט אַהֵיים קוּמֶען מִיט אַ לַאנְגֶע נָאז, בַּאבְּלָאזְן, עֶפֶּעס חוֹזֶק וֶוערְטֶער אוֹיפְן מְלַמֵּד - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין קְלֵיין קִינְד אוּן מִיט זִינְגֶען זַיין נִיגוּן אוּן חוֹזֶק מַאכְן, נָאר זֵיי קְלוּג אוּן זָאג אִים: "דוּ הָאסְט דִי בֶּעסְטֶע מְלַמֵּד", "דוּ הָאסְט דִי בֶּעסְטֶע טִיטְשֶׁער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

## בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, דַארְף מֶען עֶפֶּעס טוּן צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער צַדִיק אִיז קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלה): "כִּי עִקַּר יוֹם טוֹב תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים", וַוייל דֶער עִיקָר פוּן דִי יָמִים טוֹבִים אִיז אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי מַלְכוּת דִקְדֻשָּׁה פוּן דִי קְלִיפּוֹת, אוּן דָאס טוּעֶן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט זֵייעֶרֶע סְפָרִים, מֶען טוּט זֵייעֶרֶע עֵצוֹת - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר אַלֶע יָמִים טוֹבִים.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) "שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן", וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר נִישְׁט פַאר קַיין נִצָּחוֹן אוּן נִישְׁט יֶענֶעם צוּ טְשֶׁעפֶּען, "וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת", אוּן עֶר וֶועט אַריין קוּקְן אִין זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, "אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קֻשְׁיוֹת לְבָבוֹ", וֶועט זִיךְ אִים זִיכֶער עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן, דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיס גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן", בִּיז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן

עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, עֶס וֶועט זַיין פֵיינֶע דִיבּוּרִים; טוּ אַלֶעס אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען. גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער וִוי אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין דָא אוּן דָארְט, לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט, גֵיי אַהֵיים, זֵיי מִיט דִי קִינְדֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין צַייטְלִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְקְוִויקְן מִיט דִי נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען רֶעדְט אַייךְ אַ שִׁידוּךְ, זָאגְט וָואס אִיז אַייעֶר ווִילְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וִוי דָאס לֶעבְּן אִיז אַייךְ גֶעוָוארְן שֵׁיין אוּן זִיס מִיט דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, אַייעֶר כִּיבּוּד הוֹרִים אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי גוּט, אַזוֹי אוֹיךְ אַייעֶר צְנִיעוּת, אוּן זַייט אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִיר בַּאקוּמֶען אַן עֶקֶל צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אַ בָּחוּר וָואס הָאט אַ גֶעפִיל אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן ווִיל אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ מִיט דִי יְסוֹדוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אַז אִיר זֶענְט גְרֵייט זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה - זָאלְט אִיר אַזוֹי טוּן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט אַייךְ אַ שִׁידוּךְ קֶענְט אִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז אַייעֶר ווִילְן, אִיר ווִילְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיר ווִילְט נִישְׁט קַיין קְלִיפּוֹת אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ שְׁטִיקְל טוּיש אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה, זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין הָאשְׁקִי מִיט מִנְיָן. הֶיוֹת עֶס הוֹיבְּט אָן וֶוערְן בַּר מִצְוָה'ס דִי יָאר, דִי בָּחוּרִים דַארְפְן גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, זָאלְן זֵיי דַאוֶונֶען מִיטְן מְלַמֵד בַּיי דִי זִיבְּן דְרַייסִיג מִנְיָן, אוּן נָאכְן דַאוֶונֶען - הַאלְבּ נַיין - זָאלְן זֵיי גֵיין אִין חֵדֶר עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית מִיט דִי בָּאס.

יֶעדְן טָאג קוּמֶען צוּ מִיר עֶלְטֶערְן אַז זֵיי ווילְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְד פוּן חֵדֶר אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין יְשִׁיבָה; וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה מִיט מִנְיָן - פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דִי טַעֲנָה, אָבֶּער אַז מֶען וֶועט דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אוּן קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה - אִיז עֶנְדֶערְשׁ פַאר דִי בָּחוּרִים צוּ בְּלַייבְּן נָאךְ אַ יָאר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע מְלַמֵד, אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי אִים, נִישְׁט פַאר אֵיין יָאר נָאר פַאר אַפָּאר יָאר, עֶר הָאט אִין זֵיי אַלֶע אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט אַסַאךְ מִידוֹת טוֹבוֹת.

מִנְחָה אִיז אוֹיךְ כְּדַאי צוּרִיק מְחַדֵשׁ זַיין דִי מִנְיָן פַאר דִי עֶלְצְטֶע צְוֵויי כִּיתּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דו בִּיסְט שׁוֹין אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דו בִּיסְט שׁוֹין אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן מִיט פַּרְנָסָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר אַזוֹי שֵׁיין גֶעהָאלְפְן, דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף וַוייטֶער; יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דִיר וַוייטֶער גֶעוָוארְן טוּנְקֶל - טָארְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ, גֶעדֶענְק דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר נָאךְ נִיסִים.

גֶעדֶענְק דִי נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ צוּ אִיר רֶעדְן מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע וֶוערְטֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ וֵוייס אַז דו רֶעדְסְט צוּ אִיר שֵׁיין, אִיךְ וֵוייס דו בִּיסְט עֶרְלִיךְ, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דָאס נָאכְאַמָאל, וַוייל אִיךְ וָואלְט מִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש נָאכְאַמָאל אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט מִיר נָאכְאַמָאל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ", "אִיךְ וָוארְן דִיר, רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיין וַוייבּ".

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, ווִי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען, ווִי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק פוּן דִי חַבוּרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל, ווִי שֵׁיין מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען אִיז מְחַזֵק יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס טְרֶעט אַרִיבֶּער דֶעם שְׁוֶועל בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "מִי שֶׁבָּא, בָּרוּךְ הַבָּא", וֶוער אִיז קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל - זָאלְסְטוּ שַׁיין בַּאגְרִיסְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, "וּמִי שֶׁלֹּא בָּא, בָּרוּךְ הַשֵּׁם", אוּן וֶוער עֶס קוּמְט נִישְׁט - אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִי זַאכְן; יָארְן צוּרִיק הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶערוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן פְרֶעגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ - אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט נָאךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטִיבְּל, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יֶענֶער אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק פוּן דִי חֲבוּרָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין מִלְחָמָה פַאלְן סָאלְדַאטְן, מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי מִלְחָמָה, מֶען גֵייט וַוייטֶער". אַגַב, דִי וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט פַאר דֶעמָאלְט, דֶעמָאלְט אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה וֶוען יֶענֶער אִיז אַוֶועק פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַ לֵץ, יֶענֶער פְלֶעגְט זִיצְן אִין חוֹזֶק מַאכְן פוּן כָּל הַקָּדוֹשׁ לָנוּ, פוּן רֶבִּי'ן, פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵייט וֶוען יֶענֶער אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען פוּן אוּנְז, דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן, וֶוען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶס הָאט מִיר יָא גֶעצִיפְּט בַּיים הַארְץ, גֶעדֶענְק אִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "אִין אַ מִלְחָמָה פַאלְן סָאלְדַאטְן, אוּן מֶען גֵייט נִישְׁט צוּרִיק".

בִּכְלַל קוּק נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל; נָאר וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל, וֶוער עֶס טְרֶעט אִיבֶּער דֶעם שְׁוֶועל - זָאלְסְטוּ אָנְגִיסְן מִיט קָאלְטְס אוּן וַוארֶעמְס; חִיזוּק, חִיזוּק אוּן נָאכְאַמָאל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוּיפְבּוֹיעֶן אַ פַּארְמַאכְטֶער מַאן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר שְׁפִּירְט אַז אַייעֶר מַאן דַארְף אַייךְ נִישְׁט - אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶר דַארְף אַייךְ יָא, עֶר אִיז פָּשׁוּט פַארְמַאכְט פוּן אַלְס קִינְד וְכוּ'; זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֵייגְט אַזַא טֶערָאר וְכוּ', אַזַא אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - אַז עֶר אִיז פַארְמַאכְט גֶעוָוארְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט פַאר אַ וַוייבּ 'שְׁכֹּחַ', וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט 'אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ', וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט 'אִיךְ דַארְף דִיךְ'.

עֶס וֶועט נֶעמֶען אַבִּיסְל צַייט בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן פוּן דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אַלְס קִינְד, אָבֶּער גְלֵייבְּט וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ, עֶר ווִיל אַייךְ יָא אוּן עֶר הָאט אַייךְ לִיבּ, מִיר זָאגְט עֶר אַלְץ אַז עֶס אִיז אִים אַזוֹי גוּט מִיט אַייךְ, עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שְׁפִּירְן דִי וַוייבּ אַז מֶען ווִיל אִיר אוּן מֶען הָאט אִיר לִיבּ.

עֶס אִיז גוּט אַז וֶוען אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר דַארְפְט אַ גוּט וָוארְט זָאלְט אִיר אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, זָאגְט אִים: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ", אַזוֹי וֶועט עֶר אַייךְ עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיךְ לִיבּ", אוּן אַז עֶר בְּלַייבְּט שְׁטִיל, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט צוּרִיק, קֶענְט אִיר אִים פְרֶעגְן: "הָאסְט מִיךְ אוֹיךְ לִיבּ?" וֶועט אִים זַיין גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן: "יָא", אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיט וֶוערְן זַיין זֶעל, אוּן עֶנְק וֶועלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן אוֹיךְ פַארְגֶעסְט נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן, וֶועלְן גֶעשֶׁען נִסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צָאלְן שְׁטֵייעֶר אִין צַייט, אַז מֶען זָאל נִישְׁט צוּנֶעמֶען דִי הוֹיז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ צָאלְן טֶעקְס אוֹיף דַיין הוֹיז, וַוייל אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין שְׁטֵייעֶר קֶען דִי רֶעגִירוּנְג אַוֶועק נֶעמֶען דִי הוֹיז, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אָן אַ דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ.

גֶעוֶוענְלִיךְ אַז מֶען קוֹיפְט אַ הוֹיז נֶעמְט מֶען אַ מָארְטְגֶעדְזְשׁ אוּן דִי בַּאנְק מָאנְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ פַאר דִי שְׁטֵייעֶר, אָבֶער בַּיי דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען קַיין מָארְטְגֶעדְזְשׁ - דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ צָאלְן שְׁטֵייעֶר אִין צַייט אַז מֶען זָאל דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען דִי הוֹיז.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט דִיר, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט דִיר, וּבְעִקָּר וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁפִּילְט מִיט דִיר אַרוּם אוּן עֶר וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ, נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען פַארְקְרִיכְט נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַ סמ'טֶעלֶעפָאוֹן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל זִיךְ אוֹיךְ קוֹיפְן אַ סמ'טֶעלֶעפָאוֹן, פַארְוָואס נָאר דוּ מֶעגְסְט? זִי ווִיל אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶער יֶעצְט זָאג אִיךְ דִיר, וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז זִי וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַ סמ'טֶעלֶעפָאוֹן? זִי וֶועט נִישְׁט טוֹישְׁן דִי קִינְדֶער, זִי וֶועט נִישְׁט בָּאדְן דִי קִינְדֶער, זִי וֶועט נָאכְלָאזְן פוּן פִירְן אַ גֶעהֶערִיגֶע ווִירְטְשַׁאפְט, אִיז וָואס וֶועסְטוּ טוּן...

אִיז כְּדַאי אַז דוּ אַלֵיין זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן און הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אֵיינְמָאל מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן - אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ דָאס אָפְּצוּלָאזְן, זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר און אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן? אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, עֶס מַאכְט מִיר פַארְלִירְן דִי אוֹיגְן, און אַזוֹיפִיל לֵיצָנוּת; הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ און שְׁטַארְק מִיט דִיר".

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר נֶעם זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיי קַדִישׁ, קְדוּשָׁה און חֲזָרַת הַשַׁ"ץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאוֶונֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבָּאֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז מֶען דַאוֶוענְט בַּיי עֶנְק אַזוֹי שְׁפֶּעט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אַז עֶס וֶועלְן קוּמֶען אִינְגֶעלַייט און וֶועלְן מַאכְן נָאךְ אַ מִנְיָן אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער - דָאס אִיז גוּט.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַיינְשְׁטֵיין שַׁבָּת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל, נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַהֵיים גֶעקוּמֶען און מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה. נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "קוּם שְׁפַּאצִירְן, אִיךְ ווִיל דִיר וַוייזְן דִי מִנְיָנִים ווִי שֵׁיין דָא אִין יַבְנְאֵל אִיז"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעווִיזְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מִנְיָנִים, שְׁפֶּעטֶע מִנְיָנִים, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיךְ אַרוּם גֶעפִירְט פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן, עֶר אִיז אַרוּף אוֹיבְן און גֶעווִיזְן ׳דָא אִיז דָא אַ תֵּימָנ׳עֶר מִנְיָן, און אוּנְטְן שְׁטֶעלְט זִיךְ יֶעצְט נָאךְ אַ מִנְיָן׳.

אָבֶער עֶס דַארְף זַיין אַן עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן צַייטְלִיךְ, עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס ווילְן דַאוֶוענֶען אִין צַייט אוּן מַאכְן דִי סְעוּדָה אִין צַייט, דָאס שְׁטֶערְט מִיר אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן אִיז עֶלְף אַזֵייגֶער, אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין צַייט אוּן עֶס קוּמֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס ווילְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן נָאךְ אַ מִנְיָן – אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, אָבֶער דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן דַארְף זַיין אִין צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אָן פַארְשְׁטֵיין, אָן קַיין טַעַם, אָן קַיין גֶעפִילְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס.

בְּרוּדֶער הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אוּן אַז דוּ בִּיסְט נָאכְגַאמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן – הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר – הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: ״אַז מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט יוֹם הַקָּדוֹשׁ – דַאוֶוענְט מֶען אִין גָאט׳ס נָאמֶען״; מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִמָּחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער ..., דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט מִיט וָואס מִיר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער ווִי דִי מַלְאָכִים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מַלְאָךְ פַאלְט נִישְׁט, אַ מַלְאָךְ אִיז אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, זַיין אָנְהֵייבּ אִיז פֵייעֶר אוּן זַיין עֶנְד אִיז פֵייעֶר, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דִי סָארְט עֲבוֹדוֹת – וָואלְט עֶר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן מִיט אַ יֵצֶר הָרָע, מִיט נִסְיוֹנוֹת, מִיט תַּאֲווֹת, מִיט דִמְיוֹנוֹת אוּן חֲלוֹמוֹת, מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט, אוּן אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק אֱמֶת וָואס לֶערְנְט אוּנְז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין – הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, הַלְוַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעקֶענְט מְסַדֵּר זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין אִין אֵיין צִי, קֶענְסְט זָאגְן אַ פֶּרֶק דָא, אַ פֶּרֶק דָארְט, אַ בִּיסֶעלֶע אַ בִּיסֶעלֶע בִּיז עֶס פִּילְט זִיךְ אָן אַ שִׁיסֶעלֶע; וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מוֹחִין, שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועז, וֶועסְט וֶוערְן נֵיי גֶעבּוֹירְן; מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, עֶס טוּישְׁט אַ מֶענְטְשׁ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.

רוּף מִיךְ נִישְׁט זָאגְן נָאךְ אֵיין טָאג לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אַז דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ צֶעבְּרָאכְן, עֶס נֶעמְט צַייט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶער אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת מִיט עַקְשָׁנוּת, מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם, אָן קַיין גֶעפִילְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נֵייעֶ מוֹחִין זַכִּים וּבְהִירִים.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף ווַייטֶער שְׁטַארְקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַאוֶוענֶען צַייטְלִיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן עֶנְקֶער מִנְיָן יוֹם הַקָּדוֹשׁ, ווִי שֵׁיין אוּן ווַארֶעם מֶען הָאט גֶעדַאוֶונְט. אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ עֶנְק פַארֶערְכְטְן, קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן זָאלְן עֶנְק דַאוֶוענֶען יוֹם הַקָּדוֹשׁ אַבִּיסְל פְרִיעֶר, מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן דַאוֶוענֶען תְּפִלַּת שַׁחֲרִית אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג עֶלְף אַזֵייגֶער, עֶס אִיז צוּ שְׁפֶּעט אָנְצוּהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דֶער בַּעַל פְּסוּקֵי דְזִמְרָה פַארְשְׁלָאפְט - נֶעמְט מֶען אַ צְווֵייטְן בַּעַל תְּפִלָּה.

דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס דַאוֶוענְט כָּל נִדְרֵי גֵייט אַרוּם דֶעם בִּימָה מִיטְן סֵפֶר תּוֹרָה אוּן זָאגְט הוֹיךְ, חַזָּן וְקָהָל, דִי צְוֵויי פְּסוּקִים: ״אוֹר

זָרוּעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה״, ווי לִיכְטִיג אִיז פַאר דִי וָואס הָאבְּן אַ צַדִּיק און גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פון אַ צַדִּיק, עֶס אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג פַאר'ן צַדִּיק און אוֹיךְ פַאר דִי וָואס גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פון צַדִּיק; מֶען לַיידְט נִישְׁט, מֶען דַארְף נִישְׁט וֵויינֶען, און דֶעם פָּסוּק ״פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינַי, עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ״, און אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה, וויפִיל טַייכְן טְרֶערְן דַארְף מֶען פַארְגִיסְן פון צָרוֹת וָואס מֶען מוטְשֶׁעט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט דָאס הוֹיךְ בִּיז עֶר קוּמְט אָן צום עָמוּד, עֶס הָאט נִישְׁט אַ גֶעווִיסֶע צָאל וויפִיל מָאל מֶען זָאגְט דָאס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ..., גֶעדֶענְק וָואס אִיז דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פון אונְז, אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא, אונְזֶער זַאךְ, אונְזֶער הַצְלָחָה - וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן אונְז, מֶען מוּז זִיךְ לִיב הָאבְּן, מֶען מוּז זִיךְ לַיידְן, נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי גֶעטְשְׁקֶע, דְרֵייט זִיךְ אַלֶעס צום גוּטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַן אַרְבֶּעט, און דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט דִיר אַז דוּ קֶענְסְט נָאר אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אוֹיב דוּ וַוארְפְסְט אַוֶועק דַיין סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן, דוּ קֶענְסְט קוּמֶען נָאר מִיט אַ כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן; הָאסְט מִיר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, סֵיי אַז דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען אַ פַּרְנָסָה, און סֵיי אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן ווי אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן.

יֶעצְט וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן בַּיי דִיר יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת, ווַייל ווי נָאר מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי גֶעטְשְׁקֶע - גֶעבְּט זִיךְ אַלֶעס אַ דְרֵיי אוֹיף לְטוֹבָה.

לִכְבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְלַמְּדִים דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיךְ צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם לֵייגְסְטוּ אַרַיין אִין זֵיי, אַזוֹיפִיל הַארְץ, אַזוֹיפִיל כֹּחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַז דוּ זֶעסְט אַ קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד נִישְׁט אֵיידְל, זֵיי קִיצְלֶען זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאלְסְטוּ דָאס גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אֵיידְל, דָאס אִיז דַיין פְלִיכְט בְּתוֹרַת מְלַמֵּד; אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, וְיָפֶה שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען פַארְלַאנְגְט דֶרֶךְ אֶרֶץ וַוייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

זֶע עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיפְן בָּאס, סַיי וֶוען דוּ דְרֵייוְוסְט דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי וֶוען דוּ דְרֵייוְוסְט דִי מֵיידְלֶעךְ, אוּן אַז דִיר פְּרִיוַואט שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי וֶועג וִוי דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ דִיר - בִּיסְטוּ נָאכְאַלְץ מְחוּיָב צוּ זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען פַארְלַאנְגְט נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס, מֶען

פַּארְלַאנְגְט פוּן דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ וַוייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן וֶוען אִיךְ הֶער בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב וִוי אַ קִינְד רֶעדְט נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ מִיר אָדֶער צוּ מַיין וַוייבּ - פַּארְלַאנְג אִיךְ דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט צוּלִיבּ מַיינֶע אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, נָאר וַוייל אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה.

אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְחַצֵף - דַארְפְסְטוּ נָאכְאַלְץ דֶערְצֵיילְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס רֶעדְן נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ פַּארְלַאנְג פוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע נִישְׁט צוּ מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יֶעדֶער וָואס וֶוערְט מְקוּרָב, גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריְקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גְרֶעסֶערֶע מֶענְטְשְׁן וִוי דַיין זֵיידֶע הָאבְּן מִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע לְשׁוֹנוֹת וִוי דַיין זֵיידֶע הָאט אוֹיף דִיר גֶעשְׁרִיגְן, דִי עֶרְגְסְטֶע לְשׁוֹנוֹת הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט; אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי וָואס מֶען הָאט צוּ מִיר גֶערֶעדְט קֶעגְן מוֹהֲרַנְ"תְ, אוּן אוֹיף רֶבִּי נָתָן וְכוּ'. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי מַיינֶע נֶערְוֶוען גֵייעְן קְרַאכְן, אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן (עֶס אִיז גֶעוֶוען פּוּרִים תשס"ז), וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעטַאנְצְן בִּין אִיךְ אַהֵיים, אָנְגֶעטוּן נַאכְט קְלֵיידֶער אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קַטְנוּת הַדַעַת, אוּן מוֹהֲרַנְ"תְ הָאט דָאס גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ, הָאט עֶר מִיךְ גֶערוּפְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעטוּן אוּן צֶעבְּרָאכֶענֶערְהֵייט גֶערוּפְן אַ קַאר סֶערְוִויס אוּן גֶעפָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין

אַרײַנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ - אִיז מִיר גֶעוֶוען אַזוֹי טוּנְקֶל אַז דִי לֶעקְטֶער הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשַׁיינְט אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען אִין דֶער זַייט אוּן מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס פַּאר אַ גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן... נִישְׁט אֵיין מָאל אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דִי וָואס רֶעדְן צוּ דִיר, נָאר צֶען מָאל אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן דָאךְ הָאבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן גֶעזָאגְט 'זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'".

דָאס וָואס דֶער זֵיידֶע פַארְדְרֵייט דִיר דֶעם קָאפּ אַז דִי קִידוּשִׁין אִיז נִישְׁט קַיין קִידוּשִׁין וַוייל מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי שִׁידוּךְ נָאר עַל תְּנַאי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט יָא מִיט בְּרֶסְלֶב טָארְסְטוּ נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ, דִי קִידוּשִׁין אִיז קַיין קִידוּשִׁין; דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע וֶוערְטְל, דָאס דַארְפְן אַלֶע מְקוּרָבִים אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן וואוּיל אִיז דֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ קֶעגְן דִיר, מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין פֵּירוּד לְבָבוֹת; זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זָאג אִיר דֶעם אֱמֶת, אַז דֶער רֶבִּי אִיז דַיין לֶעבְּן אוּן דוּ ווִילְסְט זִי זָאל דִיר הֶעלְפְן, זִי זָאל דִיךְ מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבּ מִיר בִּינָה יְתֵירָה אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַייעֶר מַאן אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר עֶרֶב יוֹם הַקָדוֹשׁ זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען אוּן עֶר

אִיז אַרָאפְּגְעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אַזוֹי בִּיטֶערְלִיךְ גְעוֵויינְט אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט אוֹיס ווִי אִיר דֶערְגֵייט אִים דִי יָארְן, עֶר הָאט אַזוֹי גְעוֵויינְט, עֶר אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן; אִיךְ הָאבּ אִים צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל אִים הֶעלְפְן.

אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אַ גוּטֶע הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִים צוּ הֶעלְפְן אוּן אִים נָאר שְׁטַארְקְן. עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַ רוּאִיגֶע שְׁטוּבּ אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, אוּן אִיר הָאט אוֹיךְ שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת, אִיר קֶענְט עֶס בַּאוַוייזְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר בִּינָה יְתֵירָה אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַזוֹיפִיל סְפֵיקוֹת, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין לֶעבְּן".

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען יוֹם הַקָּדוֹשׁ פַאר עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת, עֶנְק זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי חֲלוּקָה אִין בֵּית הַתַּבְשִׁיל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי חֲלוּקָה אִין בֵּית הַתַּבְשִׁיל, ווִי עֶס קוּמֶען בַּאזוּנְדֶער דִי מֶענֶער אוּן בַּאזוּנְדֶער דִי פְרוֹיעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תַּעֲרוּבוֹת. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעטְרַאכְט אַז דָאס קוּמֶען מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן זִיךְ שְׁטוּפְן כַאפְּן עֶסְן אִין בֵּית הַתַּבְשִׁיל - אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מֶען אִיז אַרִיבֶּער צוּ דִי נַייעֶ גְרוֹיסֶע בִּנְיָן ווָאוּ מֶען מַאכְט בַּאזוּנְדֶער מֶענֶער אוּן בַּאזוּנְדֶער פְרוֹיעֶן, עֶס גֵייט צוּ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ קֶענֶען טוּן

וַוייטֶער גוּטֶע זַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶערְצֵייל מִיר וָואס דוּ זֶעסְט אִין שְׁטֶעטְל, סַיי דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סַיי דִי זַאכְן וָואס דַארְף אַ תִּיקוּן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין מְקַטְרֵג אַז מֶען דֶערְצֵיילְט דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין; אַז דוּ וֶועסְט מִיר דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין אִין שׁוּל, אִין דִי מוֹסָד אוּן צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זְכוּת.

וָואלְט מֶען אַוֶועק גֶעוָוארְפְן וְכוּ׳ - וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט טְרַאכְטְן אוֹיבּ אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן, אָבֶּער אַז מֶען וֶועט נָאר יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין, מֶען וֶועט יֶענֶעם אָנְגִיסְן מִיט אַ שִׁיסְל חִיזוּק וֶוערְטֶער - טָארְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן דֶערְצֵיילְן.

בַּאהַאלְט זִיךְ אִין ׳תֵּבַת נֹחַ׳, דָאס אִיז דִי ׳תֵּבַת הַתְּפִלָּה׳; רֶעד אַרוֹיס אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין, עֶר זָאל דִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹי גֶעוַואלְד, קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס; אַז מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע מָאוִויס

רַחֲמָנָא לִצְלַן – וֶוערְט דֶער מֹחַ זֵייעֶר פַארְדְרֵייט, מֶען פַארְלִירְט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מְלַמְדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מְלַמְדִים; דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוֹיף יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט פַאר דִיר, סַיי בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אוּן סֵיי יוֹם הַקָּדוֹשׁ, עֶנְק זָאלְן זֶען בְּקָרוֹב אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן, בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ אוּן דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת דִקְדֻשָּׁה.

...

## יֶעדְן טָאג קֶען מֶען קוּמֶען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז הַיינְט קֶען מֶען מֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען וְכוּ׳, נָאר דֶער וָואס הָאט פְּרָאטֶעקְצְיֶע דֶער קֶען קוּמֶען; דָאס אִיז

לִיגְנְט, אִיךְ נֶעם אוֹיף יֶעדְן טָאג, (מֶער וִוי אַמָאל וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט קוּמֶען זוּנְטָאג), יֶעדְן טָאג קֶען מֶען קוּמֶען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין.

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; וֶוער עֶס זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אִיז זוֹכֶה אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין אִיז מֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּיים כִּסֵּא הַכָּבוֹד פַאר אִים, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ בֶּעזֶעם אוּן אוֹיסְקֶערְן דִי טוּנְקֶלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל אוּן מֶען ווִיל מַאכְן לִיכְטִיג, פַארְשְׁטֵייסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ בֶּעזֶעם אוּן אוֹיסְקֶערְן דִי טוּנְקֶלְקֵייט, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ פֶּע"ן אוּן אַרוֹיסְבְּלָאזְן דִי טוּנְקֶלְקֵייט; אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אָנְצִינְדְן לִיכְטֶלֶעךְ, נָאר אַזוֹי וֶוערְט אוֹיס טוּנְקֶל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ', סְפֵיקוֹת וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב), דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל דָאס פַארְטְרַייבְּן - אַלְס שְׁטֶערְקֶער קוּמֶען זֵיי צוּרִיק, אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אָנְצִינְדְן לִיכְטֶלֶעךְ פוּן אֱמוּנָה, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה וֶוערְט לִיכְטִיג. יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", עֶר הָאט גֶעזֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמֶען אִין דִי עֲזָרָה, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיכְטִיג גֶעוָוארְן; חַזֶר'ן אֱמוּנָה - דָאס אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

"שׁוֹין גֶענוּג נָאכְגֶעלָאפְן דִי בְּהֵמוֹת" (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ) אַנְשְׁטָאט זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ', סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וְכוּ' – זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אוּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן.

הַיינְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּיעֶן צַאמְקוּם, (בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז דָאס יֶעדֶע וָואךְ מָאנְטָאג), זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען; דוּ וֶועסְט דָאס מֶערְסְטֶע הֲנָאָה הָאבְּן, זִי וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַאר דַיין גֶעזוּנְט לוֹינְט נִישְׁט זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס וֵוייסְטוּ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע? וָואס בִּיסְטוּ מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע? וֶועם בִּיסְטוּ מְקַנֵּא? נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, וָואלְסְטוּ גֶעוְוּיסְט וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט, וָואס מֶען לַיידְט זִיךְ צַאם, יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין זַאךְ – וָואלְסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶועזְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "כָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג, "וְאֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", נִישְׁטָא אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט עוֹלָם הַזֶּה, "וַאֲפִילוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען פוּל מִיט צַעַר אוּן וֵוייטָאג, עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵּא צוּ זַיין, עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ מְקַנֵּא זַיין.

פַאר דַיין גֶעזוּנְט לוֹינְט נִישְׁט זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶעמְ'ס רוּחָנִיּוּת לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּקְן, מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן, "עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט נָאר נָאכְן נִפְטַר וֶוערְן,

דָאס מֵיינְט מֶען יֶעצְט בַּיים לֶעבְּן, דֶער וָואס הָאט קִנְאָה וֶוערְט פַּארְפוֹילְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן אַז מֶען פַּארְשֶׁעמְט דִיךְ וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג אַ בִּזָיוֹן, אִיךְ וַוייז עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט שִׁינְדְט מֶען דִי הוֹיט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַאר דֶעם, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גוּט אָנְגֶעגְרֵייט פַּארְן לֶעבְּן, מִיט אַזוֹיפִיל חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן.

טוּ נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִילִין נָאר נָאכְן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיס פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, בְּלַייבּ רֵיין אוּן הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טוּ וָואס נֹחַ הָאט גֶעטוּן, וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפַאלְן, "כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ" וְגוֹ׳, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ תֵּיבָה; דָאס מֵיינְט מֶען תֵּיבוֹת הַתְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶענִיצְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ", נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזוֹי אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, בְּלַייבּ רֵיין אוּן הֵיילִיג, קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִּיס; וָואלְסְטוּ גֶעזֶען וָואס אֵיין רְאִיָּ׳ אֲסוּרָה טוּט מִיט דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה, ווִי עֶס וֶוערְט שְׁוַוארְץ אוּן פַארְבְּרֶענְט - וָואלְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט. אִיךְ בֶּעט דִיר, רַאטֶעוֶוע זִיךְ, רַאטֶעוֶוע דַיין נְשָׁמָה, קוּק נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס, מָאוִּיס, אוֹיךְ נִישְׁט אִידִישֶׁע זַאכְן; וַוייל אַזוֹי אַרְבֶּעט דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר אַרְבֶּעט מִיט אַ פְּלַאן; קוּק נָאר דָאס, אוּן טוּ נָאר דָאס, "הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ", הַיינְט זָאגְט עֶר אִים טוּ דָאס "וּמָחָר אוֹמֵר

לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ", און מָארְגְן זָאגְט ער אִים טוּ נָאר דָאס, "עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ", בִּיז עֶר זָאגְט אִים, "לֵךְ עֲבֹד עֲבוֹדָה זָרָה", גֵיי דִין עֲבוֹדָה זָרָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין אַרְבֶּעטְ'ס טֶעלֶעפָאן, טֵייל אָפּ דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי פַּרְנָסָה, בּוֹי דַיין לֶעבְּן גֶעזוּנְט; אַרְבֶּעט אִין דִי שָׁעוֹת פוּן אַרְבֶּעט און נָאכְן אַרְבֶּעטְן לֵייג אַוֶועק דַיינֶע כֵּלִים אִין אָפִיס, און גֵיי אַהֵיים און אִין שׁוּל, זַיי אַ אִיד, זַיי אַ טַאטֶע, זַיי אַ מַאן, זַיי אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ קְלָארְן פַארְשְׁטַאנְד.

טוּ וָואס נֹחַ הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער וֶועלְט וֶוערְט חָרוּב, "כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ", דִי דוֹר הַמַּבּוּל אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק נִיאוּף, אַזוֹי ווִי דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ תֵּיבָה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּ דוּ אוֹיךְ אַזוֹי, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, טַאטֶע אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, טַאטֶע אִיךְ ווִיל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, אִיךְ ווִיל רֵיינֶע אוֹיגְן, רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת".

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, הַלְוַאי וֶועסְטוּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און הִתְחַזְקוּת.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַיינְקוֹיפְן פַאר שַׁבָּת, זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוֹיפְן קַיין שׁוּם 'לֵיין מַאטְרִיאַל', נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ 'לֵיין מַאטְרִיאַל', הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין פוּן פְרֶעמְדֶע הַשְׁקָפוֹת, זֶע דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ קוּמְסְט אָפּ אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת מִיט דֶעם, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי בְּרִיעֶן אִין

גֵיהִנוֹם. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל גֶע׳חָלוֹמְ׳ט וִוי עֶר אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי טִירְן פוּן גֵיהִנוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד! רַאטֶעוֶועט! טְרָאגְט מִיךְ אַוֶועק פוּן דָא!" בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "זוּשָׁא, וָואס שְׁרֵייסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ צִיטֶער אוּן אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמֶען פָאר דָא אוֹיבְן אִין גֵיהִנוֹם", הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "נֵיין זוּשָׁא, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ גֶענֶענְדְל, דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן".

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, מֶען קֶען דָאס לֶערְנֶען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּפְרַט דִי פָאר שׁוּרוֹת (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד): מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא): "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיְסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָה? שֶׁהַיְסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרִי וָאֶתְחַנַּן): "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסוּרִין יוֹתֵר מִן הַטוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ

עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבִיְסוּרִין נִמְחָל לוֹ" – אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, וַוייל עֶס אִיז נָאךְ אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת

מֶען הַאלְט אַפָּאר טֶעג נָאךְ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מֶען צוּנֶעמְט דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי סְכַךְ מִיט דִי בְּרֶעטֶער פַאר דִי אַנְדֶערֶע יָאר, דֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הַאלְט אִינְמִיטְן צוּנֶעמֶען זַיין סוּכָּה מִיט זַיינֶע סְכַךְ, עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין שְׁטוּבּ וַוייל עֶס גֵייעֶן יֶעצְט קוּמֶען צְוֵויי בָּחוּרִים זִיךְ פַארְהֶערְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דֶער הֵיילִיגֶער גָאוֹן גֵייט זֶען אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען גוּט לֶערְנֶען, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען סְמִיכָה פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק צוּ קֶענֶען וֶוערְן דַיָנִים.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וַוארְט בַּיים פֶענְסְטֶער אוֹיף דִי צְוֵויי בָּחוּרִים, עֶר זֶעט בַּיים פֶענְסְטֶער וִוי אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען, טְרֶעט אוֹיף דִי סְכַךְ וָואס לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד; דֶער צַדִיק טְרַאכְט 'אוֹי וַויי', וִוי קֶען מֶען טְרֶעטְן אוֹיף דִי



וִוי קֶען מֶען טְרֶעטְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְכַךְ...

סְכַךְ? זֵיי זֶענֶען דָאךְ הֵיילִיג, מִיט זֵיי הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי סוּכָּה און גֶעטוּן אַזוֹיפִיל מִצְוֹת!׳

וֶוען דִי צְוֵויי בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט פַארְהֶערְן בַּיים צַדִיק, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק פַאר דֶער וָואס הָאט גֶעטְרֶעטְן אוֹיף דִי סְכַךְ: ״דִיר גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין סְמִיכָה צוּ וֶוערְן אַ רָב״.

בֵּיידֶע בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט פַארְוָואס דֶער צַדִיק הָאט נָאר גֶעגֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם פוּן זֵיי סְמִיכָה צוּ וֶוערְן אַ רָב און נִישְׁט פַאר בֵּיידֶע, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער צַדִיק: ״אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן פֶענְסְטֶער וִוי עֶר טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף דִי סְכַךְ, עֶר גֵייט פוּן דֶער זַייט, עֶר הַאלְט חָשׁוּב דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שֶׁעצְט דִי סְכַךְ, אַזַא אֵיינֶעם קֶען אִיךְ גֶעבְּן סְמִיכָה צוּ וֶוערְן אַ רָב, אָבֶּער דוּ הָאסְט יָא גֶעטְרֶעטְן אוֹיף דִי סְכַךְ, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט בֶּעסֶער גֶעקֶענְט בַּיים פַארְהֶער קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעבְּן סְמִיכָה, וַוייל צוּ זַיין אַ רָב, אַ דַיָין - אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען, מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ הַאלְטְן חָשׁוּב און טַייעֶר דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף אַ מִצְוָה, און נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קַיין מִצְוֹת, נָאר לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת.

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664